ישראל שטערן

# פון קורט היינ קע׳ס לידער

## פאלק.

מיין פאלק.
בליט, אייביג פאלק.

שטראם, אויסגעשפרייט פון מיטען נאכט צו מיטען נאכט,
שטראם, גרויס און טיעף פון ים צו ים.
פון דיינע טיפענישען רייסען זיך קוואלען,
אויף־אייביג שפריצענדיג דיך,
דאס פאלק.

מיין פאלק.
בליט, אייביג פאלק.
דו פרויסטסט דיך צוקונפט אין דער ברוסט,
אמאל וועט קיין מאה מעהר דיין טרוים נישט צעשלאגען,
די בערג פון דיין נשמה וועלען דערלאנגען צום הימעל
און אונז דערהויבען,
אונז,
דאס פאלק.
איך בין א בוים אין דעם וואלד פאלק.
און מיינע בלעטער שפייזט די זון.
דאך מיינע ווארצלען שלאפען זיכער. שלאף פון קרעפטען
אין דיר,
מיין פאלק.

מיין פאלק,
אמאל וועלען אלע זאכען קניהען
פאר דיר.
ווייל דיין נשמה וועט אויפפליהען
הויך איבער שטערן אין דיין אייגען חאטען טריין.
און די וועלט בליהען
מיין פאלק.

# **קורט הײַנעקע**

(ייִדיש: ישׂראל שטערן)

פֿאָלק

הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)

27, נומ’ 123, יוני 1, 1934, ז’ 6